# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## זה השלחן אשר לפני ה'

### אנגעטועון שבת'דיג ביי די סעודה

**בשעת** מען זיצט ביי דעם שבת'דיגן טיש איז א מצוה מכבד צו זיין השם יתברך מיט שיינע שבת'דיגע קליידונג. די גמרא [שבת קי"ג] זאגט אז דער פסוק 'וְכִבַּדְתּוֹ' מיינט מען זאל מכבד זיין דעם שבת דורך אנטועון שיינע חשוב'ע שבת'דיגע קליידער וועלכע ברענגן כבוד פאר דעם מענטש אזויווי די שטייגער פון חשוב'ע מענטשן. די מצוה פון זיין אנגעטועון אין שיינע קליידונג איז ווייל מיט זיי גיבן מיר אפ דעם גרעסטן כבוד פאר די שכינה וואס רועט אויף אונז, די מצוה איז נישט צוליב אונזער אייגענעם כבוד אז מיר זאלן אויסזעהן שיין, נאר די מצוה איז מיט זיי מכבד זיין די שכינה און צייגן אז שבת איז א הייליגער טאג, דעריבער איז גאר וויכטיג מכבד זיין די שכינה אויף דעם שענסטן אופן וואס איז מעגליך, און נישט מיינען אז מען קען פונקט אזוי יוצא זיין די מצוה פון מכבד זיין די שכינה מיט טייערע שיינע דאסטערס, ווייל זיי זענען בשום אופן נישט קיין בכבוד'דיג קליידונג. אויב קומט אויס אמאל אז גייט ארויס פון שטוב צווישן מענטשן נאך די סעודה מוז מען זיך דאך איבערטוישן פון די דאסטערס אויף שענערע קליידונג, דערקענט זיך דעמאלטס אז מען האט פארשעמט די אייגענע סעודת שבת, ווייל מען האט געקענט זיין אנגעטועון שענער עס זאל מער כבוד פאר די שכינה.

**בשעת** די סעודות שבת האט קיין שום חסיד'ישע איד נישט אויסגעטועון דעם שטריימל פונם קאפ אדער געזעסן ביים טיש אן קיין בעקיטשע, אויך די ערליכע אשכנזי'שער אידן זענען געזעצן אנגעטועון מיט אלע זייערע מלבושי שבת, זיי זענען געזעצן ביי אלע סעודת שבת מיט אן ערנסקייט און מיט גרויס דרך ארץ מיט פיל יראת שמים און מורא פון די שכינה הקדושה וועלכע קומט צו די סעודות שבת.

**דער** מהר"ל [חדושי אגדות, למהר"ל מפראג ח"ג עמ' ה' מסכת ב"ק] זאגט אז שבת האט דריי נעמען, 'שבת', 'כלה', און 'מלכתא', צוליב די דריי באזונדערע מצות פון שבת. איינס, מען טאר נישט טוען קיין שום ארבעט אום שבת, דאס איז דער נאמען 'שבת'. די צווייטע מצוה איז זיך אנקליידן מיט שבת'דיגע מלכות'דיגע בגדים, צוליב דעם טראגט דער שבת אויך דעם נאמען 'כלה' אז מען זאל זיך באצירן אזויווי א כלה איז באצירט ביי איר שמחה מיט אירע שענסטע קליידונג. די דריטע מצוה איז עונג שבת, עסן געשמאקע שפייזן ווען מען מאכט די דריי שבת'דיגע סעודות.

**עס** זענען פאראן מאמעס און מיידלעך וואס מיינען אז מיט טייערע שיינע דאסטערס וואס זענען אויס פונקט אזוי שיין ווי א שבת'דיגע קלייד קען מען אויך מקיים די מצוה פון מכבד זיין דעם שבת, זאל מען אבער וויסן דעם אמת: ווילאנג די סארט דאסטערס קענען נישט באצירן קיין כלה און קיינער גייט נישט אזוי אנגעטועון ביי קיין שום שמחה צווישן מענטשן, פאסט נישט צו זיצן ביי דעם שבת'דיגן טיש אין זיי, דאס איז בשום אופן נישט קיין כבוד פאר די שכינה וואס קומט צו אונזער שבת טיש.

**די** ריכטיגע וועג איז צו זיין אנגעטועון מיט שיינע בכבוד'דיגע שבת'דיגע קליידונג, נאכמער וויכטיג מוז די קאפ פונם מענטש זיין אנגעטועון בכבוד'דיג לכל הפחות ווי מען איז אנגעטועון ווען מען גייט אויף א שמחה די גאנצע צייט ווען מיר זיצן ביים שבת טיש, ווייל יעצט ביים טיש איז די שמחה פון השם יתברך, דארפן מיר מקיים זיין די מצוה פון אפגעבן כבוד פאר דעם שבת אויף דעם שענסטן אופן. אויב דעם אייגענעם טיש באצירט מען מיט א גאר א טייערע טישטוך דארף מען זיך אליין זיכער כאטש אזוי שיין באצירן, זיך אנקליידן מיט שבת'דיגע מלכות'דיגע

בגדים ווי עס פאסט זיך פאר קינדער פון השם יתברך וואס מאכט רוען זיי שכינה אויף אונז ביי די סעודה.

**דאס** זעלבע דארף מען אויך זיין געווארנט ביי די סעודות שבת צו עסן קודם נאר וואס עס זענען די שבת'דיגע מאכלים, שבת עסט מען נישט וואס מען וויל אדער ווייל מען האט דאס ליב, נאר מען עסט שבת'דיגע מאכלים - די זעלבע מאכלים וואס אלע אידן עסן. שבת איז א טאג פון **'מקרא קודש'**, עס זאל זיך דערקענען ביים שבת טיש א הייליגקייט און א העכערקייט. ווייל אז מיר זיצן צוזאמען מיט די שכינה ביים שבת טיש מוז אלעס אויסזעהן שבת'דיג [די וואס זענען נאר אנגעטוען אין א דאסטער ביים טיש קענען רוב מאל נישט עסן אלע מאכלי שבת, דער שבת פאדערט איר כבוד און לאזט זיי נישט עסן די הייליגע מאכלים]. שבת בלייבט קיינעם נישט שולדיג - ווער עס אים מכבד ווי עס פאסט זיך פאר דעם הייליגן שבת.

**דער** מנהג ישראל איז אז די מאמע וואס דערלאנגט די עסן צום שבת טיש וועלכע איז הייליג ווי די 'מזבח הפנימי' אז זי זאל זיין אנגעטוהן בשעת זי דערלאנגט דאס עסן מיט א ווייסע טיכל און א ווייסע פארטוך, ווייל דערלאנגן צום טיש איז אויך שטארקע חשוב'ה עבודה, פונקט ווי דער **כהן גדול** איז געווען אנגעטוהן מיט זיינע ווייסע בגדים בשעת ער האט געטוהן זיין עבודה צו טראגן די בלוט פון די קרבן אויף די מזבח הפנימי.

**המלקט**

## עסן מיט שמחה

**מען** זאל זיין שטארק פארזיכטיג צו זיין פרייליך און גוטמוטיג און צופרידן בשעת די סעודה, ווייל דאס איז דער עיקר כבוד שבת - די צופרידנקייט. בשום אופן זאל מען נישט ארויסווייזן קיין שום זארגן, טרויער אדער זיפצן פון א גאנצע וואך, נאר מען זאל עסן און טרינקען זיך אנטוען שיינע שבת'דיגע קליידונג וואס מער מען קען, ווייל וואויל איז דעם וואס איז מער מכבד השם יתברך אין זיין טאג פון זיין פרייד.

**נפש יתירה מערכת ש' אות ק"פ**

**עס** שטייט [שמות כ'] זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. דאסווארט 'קדושה' טרעפן מיר אין פסוק אז דאס מיינט א לשון פון זיך אנגרייטן, ווי עס שטייט [דברים כ"ג] לֹא תִהְיֶה קְדֵשָׁה (איר זאלט נישט זיין 'אנגעגרייט' צו זינדיגן), און ווי עס שטייט [שמות יט, י] וְקִדַּשְׁתָּם הַיּוֹם וּמָחָר (איר זאלט זיי 'צוגרייטן' היינט און מארגן). זאגט דער עבודת יששכר, אז מען זאל געדענקען אין דעם טאג שבת 'לְקַדְּשׁוֹ' - זיך צו אנגרייטן שמחה, וואס דאס איז דער סגולה אויף א שטענדיגע הצלחה, פארקערט פון טרויער און זיפצן, דערביטערקייט, קלאגן און וויינען, וואס דאס ברענגט נאר צו חרוב מאכן. 'עצבות' איז די זעלבע אותיות פון 'בוצעת' וואס איז א לשון פון צוברעכן און צעווארפן רחמנא ליצלן, אבער די מדה פון קדושה איז פונקט פארקערט, עס ברענגט א ליכטיגקייט און פרייליכקייט צו בויען ווייטער.

**שבת** איז דער מקור פון אלע ברכות ווייל פון דעם טאג שבת ווערן געבענטשט אלע טעג פון די וואך, דעריבער האט השם יתברך באפוילן מיר זאלן געדענקען דעם טאג שבת צו זיין פרייליך, עסן דריי סעודות און פארמערן וואס מער תענוגים כדי דורכדעם זאלן מיר זוכה זיין צו אסאך שמחה אויף די קומענדיגע וואך.

**עבודת יששכר, בלק**

**ביים** עסן די סעודת שבת און יום טוב זאל מען זיך שטארק פרייען בלויז צוליב די זכיה אליין וואס מיר האבן צו קענען עסן ביים קעניג'ס טיש. מען זאל זיך באשטימען אין הארץ צו וועלן ליב האבן און אויך מורא האבן פון השם יתברך, טראכטן נאנט צו ווערן צו הקדוש ברוך הוא, רעדן זיינע רייד (די רייד פון די תורה) ביים טיש. **מרגניתא טבא שבסוף ספר אהבת חסד של החפץ חיים זי"ע**

## עסן מיט קדושה איז מקרב די גאולה

**די** גמרא [ברכות כ] זאגט אז השם יתברך האט געענטפערט פאר די מלאכים אז דערפאר איז ער מקבל די תשובה פון אידן, וויבאלד זיי זענען מדקדק אויף זיך אז וויבאלד זיי עסן נאר א שטיקל ברויט גרויס ווי א כזית בענטשן זיי שוין און לויבן השם יתברך, וויבאלד זיי האבן זוכה געווען אריינצוברענגען די הייליגע ניצוצות וואס ליגט אין דעם מאכל צו די קדושה דורך דעם וואס זיי האבן געגעסן בקדושה און מיט די ריכטיגע כוונה, און וויבאלד זיי זענען באשעפטיגט אין קירוב רחוקים, פאסט זיך אלץ מדה כנגד מדה אז השם יתברך זאל זיך מיט זיי אויך פירן מיט די זעלבע מדה און זיי מקרב זיין און מקבל זיין זייער תשובה, נאכדעם וואס זיי דערווייטערט געווארן צוליב זייערע זינד.

**דעריבער** איז אויך רעכט פארוואס מען האט מתקן געווען ביים בענטשן די ברכה פון 'על הארץ ועל המזון', ווי אויך די ברכה פון 'בונה ירושלים', ווייל עס איז באקאנט די ווערטער פון של"ה"ק [שער האותיות אות ק'] אז ווען עס וועט פארטיג ווערן דער ברור - מען וועט צוזאמען נעמען אלע ניצוצות פון די גאנצע וועלט-וועט זיין די גאולה שלימה. דעריבער וויבאלד בשעת א איד עסט בקדושה מיט די ריכטיגע כוונה און איז מעלה די הייליגע נצוצות פון דעם מאכל, איז ער דערמיט מקרב די גאולה, דעריבער זאגט מען די צוויי ברכות ביים בענטשן 'על הארץ ועל המזון' און 'בונה ירושלים', ווייל איינס ברענגט דאס צווייטע.

**דברי יואל ח"ז ק"פ**